אין פאַל פון אַ קראַנקייט מעדיצינישע הילף פון אַ דאָקטער מיט רעצעפּטן. אַ שווער קראַנקן פירט מען אָפּ צו אַ דאָקטער אין וואַרשע. ביים בית־מדרש איז אויך דאָ אַ חברה „סומך נופלים", וואָס גיט אַרויס אַלע פרייטאָג אין בית־מדרש חלה, ברויט און אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן, אויך איז אין אים גרויס די אַקציע פון מעות־חטים אויף פסח פאַר די אָרעמע־לייט פון יענער געגנט זיי צו געבן אומזיסט מצה, קאַרטאָפל, בוימל, אייער, וויין און פלייש. עס ווערט אין אים געלערנט ווי אין אַלע בתי־מדרשים.

## י. בתי־מדרשים ביי פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן

מח) בית־מדרש „לינת חולים", אויף זאַמענהאָף־גאַס;

מט) בית־מדרש„ לינת הצדק", אויף ראָזשאַנער גאַס;

נ) בית־מדרש „מושב זקנים", אויף קופּיעצקי גאַס;

נא) „בית־מדרש הקדש"".

אוצר החכמה

## יא. חסידישע שטיבלעך

אוצר החכמה

נב) בית־מדרש „חסידי קאָצק" — אויפגעמויערט אויף טשעמנע געסל אין יאָר תרמ"ג מיט דער הילף פון דער פאַמיליע סוראַזסקי;

נג) בית־מדרש „חסידי גור" — אויפגעמויערט אויף סוראַזער גאַס (תנחום פישערס הויף);

נד) בית־מדרש „חסידי סלאָנים" — איז אויפגעמויערט געוואָרן אויף זאַלעוווני גאַס.

## יב. מנינים קבועים וואָס רעכענען זיך פאַר בתי־מדרשים

נה) בית־מדרש „הרב ר' חיים הערץ" — אויפן שולהויף;

נו) נאָוויקס בית־מדרש — אויף דער נאָווע (מיצקעוויטשאַ);

נז) קאָפּל זאַלקינדס בית־מדרש אויף ביאַלאָסטאָטשאַנסקי גאַס;

נח) שוואַרצס בית־מדרש — אויף פאַלנע גאַס.



ביאליסטאק - פנקס ביאליסטאק א / ספר קהילה {עמוד 344} (1829450) הודפס מאתר אוצר החכמה